**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/6/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול נעמט זיך צום בעיביס און מוטערס שטערבליכקייט קריזיס**

***שרייבט אונטער ביל S.1867A/A.5435A צו מאכן ניו יארק סטעיט קאמיוניטי דולע דירעקטארי, נייע מיטל פאר עלטערן וואס ערווארטן א קינד***

***גאווערנער מוטיגט בארעכטיגטע ניו יארקער זיך צו איינשרייבן אין מעדיקעיד וואס וועט דעקן דולע סערוויסעס אנגעהויבן פון יאנואר 1, 2024***

***אנאנסירט 4.5 מיליאן דאלאר אין יערליכע פינאנצירונג פאר ניו יארק סטעיט ראיאנישע קינדער-געבורט צענטערן***

***נארואס-ארויסגעגעבענע פעדעראלע ציפערן אנטפלעקן בעיביס שטערבליכקייט ראטעס וואקסנדיג אין פאראייניגטע שטאטן צום ערשטן מאל אין צוואנציג יאר; מוטערס שטערבליכקייט ראטע אין פאראייניגטע שטאטן העכער פון אייראפעאישע לענדער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט ניו יארק'ס לעצטע אנשטרענגונגען צו באקעמפן שטערבליכקייט ראטעס צווישן מוטערס און בעיביס, אזוי ווי די שטערבליכקייט ראטע פון בעיביס איז געוואקסן אריבער דאס לאנד צום ערשטן מאל אין צענדליגע יארן. א נייע ביל, S.1867A/A.5435A, פאראארדנט די ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט צו אויפשטעלן און אויפהאלטן א ניו יארקע דירעקטארי פון דולעס — קינדער געבורט עקספערטן (א 'הייבאם') וואס שטעלן צו פיזישע און עמאציאנאלע שטיצע און גיבן אויך אינפארמאציע בעפאר, דורכאויס און נאך די קינדער-געבורט איבערלעבעניש. גאווערנער האקול האט אויך אנאנסירט אז דולע סערוויסעס וועלן געדעקט ווערן פאר אלע וואס זענען איינגעשריבן אין מעדיקעיד אנגעהויבן פון יאנואר 1, 2024. די גאווערנער האט אויך ארויסגעהויבן 4.5 מיליאן דאלאר אין יערליכע פינאנצירונג פאר ראיאנישע פערינעיטעל צענטערן פארזיכערט אין די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2023, וואס איז פארטיילט געווארן דורך די ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט.

"אונזערע שטערבליכקייט ראטעס פון מוטערס און בעיביס זענען א שאנדע", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אויסברייטערן צוטריט צו דולע סערוויסעס איז אן עפעקטיווע און אויפגעוויזענע סטראטעגיע צו שטיצן עלטערן וואס ערווארטן א קינד און ערלויבן זייערע בעיביס צו וואקסן און בליהען. אלס די ערשטע מאמע און באבע צו דינען אלס גאווערנער פון ניו יארק, בין איך פארפליכטעט צו טוהן אלעס אין מיין כוח צו באקעמפן די באזארגנדע וואוקס אין די שטערבליכקייט ראטעס פון בעיביס."

**ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאנעלד, האט געזאגט,** "די סטעיט העלט דעפארטמענט בלייבט אנטשלאסן צו אדרעסירן די העכערע שטערבליכקייט ראטעס צווישן טונקל-הויטיגע מענטשן וועלכע האבן קינדער. דולע סערוויסעס קענען פארבעסערן די תוצאות

ביים האבן קינדער און אזוי אויך קענען זיי גיבן עמאָציאָנאַלע שטיצע פאר פאמיליעס אין א צייט וואס קען זיין שווער. איך שטיי מיט גאווערנער האקול צו פארזעצן דעם קאמף פאר סערוויסעס וואס וועלן זיכער מאכן אז מענטשן וואס האבן קינדער האבן א זיכערע און באפולמעכטיגנדע געבורט איבערלעבניש."

די גאווערנער האט אונטערגעשריבן ביל S.1867/A.5435A וואס פאדערט אויף די ניו יארק סטעיט העלט דעפּאַרטמענט (Department of Health, DOH) צו אויפשטעלן און אויפהאלטן א סטעיט קאמיוניטי דולע דירעקטארי אויף די DOH'ס וועבזייטל פאר די צוועק פון מעדיקעיד צוריקצאלונג. די ביל וועט אדווערטייזן דולע סערוויסעס פאר מענטשן וואס באקומען מעדיקעיד, און עס וועט אוועקשטעלן תנאים פאר א דולע צו קענען ארויפגעלייגט ווערן אויף די ניו יארק סטעיט קאמיוניטי דולע דירעקטארי.

**סטעיט סענאטארשע סאמרא ברוק האט געזאגט,** "איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פאר איר שטיצע פון די ביל צו שאפן א קאמיוניטי דולע דירעקטארי. די ביל וועט זיכער מאכן אז דולע קעיר איז מער צוגענגליך פאר פאמיליעס וועלכע נויטיגן זיך דערין, און עס צייכנט אפ א קריטישע טריט פאראויס אין דעם קאמף קעגן וואקסנדע שטערבליכקייט ראטעס צווישן מוטערס, באזונדערס פאר טונקל-הויטיגע ניו יארקער וועלכע זענען פינף מאל מער ווארשיינליך צו שטארבן פון א קאמפּליקאציע ארום דאס זיין טראגעדיג. איך קוק ארויס צו פארזעצן צו ארבעטן צוזאמען מיט גאווערנער האקול, מיינע שותפים אין די לעגיסלאטור און מיט קאמיוניטי דולעס אליין צו אויסברייטערן צוטריט צו דולע קעיר אין ניו יארק סטעיט."

**אסעמבלי מיטגלידערין מיקאַעל סאלאַזש האט געזאגט,** "די ביל איז א באדייטנדע טריט אין די ריכטונג פון פארברייטערטע צוטריט צו דולע קעיר אין ניו יארק סטעיט. טראגעדיגע מענטשן פון שוואכערע קאמיוניטיס, באזונדערס טונקל-הויטיגע פרויען, האבן פיל העכערע ראטעס פון קאמפּליקאציעס ארום דאס זיין טראגעדיג און מוטערס שטערבליכקייט. דולעס קענען דאס העלפן באקעמפן דורכן צושטעלן ביליגע שטיצע פאר מענטשן וואס האבן א קינד. איך לויב אויס גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן די ביל וואס וועט גיבן א צענטראליזירטע און צוגענגליכע פלאץ פאר טראגעדיגע מענטשן צו טרעפן די דולע קעיר פון א הויכע קוואליטעט וואס זיי דארפן כדי צו האבן א פאזיטיווע קינדער-געבורט איבערלעבעניש."

אין צוגאב, מוטיגט גאווערנער האקול בארעכטיגטע ניו יארקער זיך צו איינשרייבן אין מעדיקעיד וואס וועט דעקן דולע סערוויסעס אנגעהויבן פון יאנואר 1, 2024. געוויינטליך הויבט זיך די קשר צווישן די דולע און די קליענט אן עטליכע חודשים נאכן טראגעדיג ווערן (מיט די דולע העלפנדיג מאכן א געבורט פלאן) און עס לויפט דורכאויס דאס זיין טראגעדיג און די קימפעט.

אין אפריל פון 2018 האט די DOH אנאנסירט דעם [ניו יארק סטעיט דולע פּילאָט פּראָגראַם] וואס האט געגעבן מעדיקעיד דעקונג פאר דולע סערוויסעס פאר טראגעדיגע מענטשן און קימפעטארינס אין ערי קאונטי, פארברייטערנדיג די סערוויסעס צו פילע איינוואוינער מיט נידעריגערע איינקונפט צום ערשטן מאל. אין די היי-יאריגע סטעיט בודזשעט איז מעדיקעיד דעקונג פאר דולע סערוויסעס פארברייטערט געווארן צו די גאנצע סטעיט, אריינגייענדיג אין קראפט פון יאנואר 1, 2024.

טראץ די נאציאנאלע ציפערן, האט ניו יארק סטעיט געמאכט גרויסע פארשריט מיטן אראפנידערן די ראטע פון טויטפעלער צווישן בעיביס, און זי איז יעצט די 4'טע-נידעריגסטע אין דאס לאנד מיט בעיביס שטערבליכקייט ראטעס. טראצדעם זענען די אומגלייכקייטן צווישן ראסעס און געאגראפישע חילוקים די זעלבע ווי אין די רעשט פון דאס לאנד, מיט טונקל-הויטיגע בעיביס זייענדיג כמעט דריי מאל אזוי ווארשיינליך צו שטארבן ווי ווייסע בעיביס. די שטערבליכקייט ראטע צווישן מוטערס אריבער די סטעיט איז געווען די העכסטע, מיט 24.1 ארויס פון יעדע 100,000 מאמעס וואס האבן געבוירן לעבעדיגע בעיביס פון 2008-2010, און אין אנטווארט האט די DOH אוועקגעשטעלט די מוטערליכע שטערבליכקייט איבערבליק איניציאטיוו (Maternal Mortality Review Initiative, MMRI) צו דורכפירן

א סיסטעמאטישע איבערבליק אויף אלע ניו יארק סטעיט מוטערליכע טויטפעלער און אויפקומען מיט סטראטעגיעס און אינטערווענץ מיטלען צו פארקלענערן די סכנה פון די טויטפעלער. אלס רעזולטאט פון די מאסנאמען איז ניו יארק סטעיט באדייטנד פארבעסערט געווארן אין פארגלייך צו די רעשט פון דאס לאנד.

די סטעיט בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2023 האט צוגעטיילט 4.5 מיליאן דאלאר אין יערליכע געלטער צו שטיצן די סטעיט'ס ראיאנישע פערינעיטעל צענטערן (Regional Perinatal Center, RPC) — שפיטעלער וואס שטעלן צו די העכסטע שטאפל פון קינדער-געבורט און בעיביס קעיר און דינען אלס די קאארדינירנדע קערפערשאפטן העכער זייערע נעטווארקס פון אפיליאירטע קינדער-געבורט צענטערן. RPC'ס זעהען איבער זייערע נעטווארקס צו זעהן וואו זיי קענען זיך פארבעסערן, ווי צום ביישפיל מיט נאך פראָוויידער טרענירונג אדער פארבעסערטע פראטאקאלן. די פינאנצירונג שטיצט RPC'ס אריבער די סטעיט אזוי ווי זיי ברענגען צוזאם די הויפט פארמישטע קערפערשאפטן צו ברענגען צוזאמענארבעט און ריפערעלס און צו דורכרעדן פארשידענע טעמעס וואס זענען נוגע פאר דעם ראיאן.

די היינטיגע ביל, געשפאנסארט דורך סענאטארשע ברוּק און אסעמבלי מיטגלידערין סאלאַזש, וועט גיין ווייטער צו זיכער האלטן טראגעדיגע מענטשן דורכן אויפשטעלן אן עפנטליך-צוגענגליכע '*דוּלע דאטא-בעיס*' וואס וועט שטיצן די וואקסנדע צאל פון ניו יארק סטעיט [דוּלעס](#) וועלכע ארבעטן מיט טראגעדיגע מענטשן און זייערע פאמיליעס. לויט די [American Pregnancy Association (אמעריקאנע טראגעדיגקייט פארבאנד)](#) "[וויזן] שטודיעס אז האבן א דוּלע אלס א מיטגלידערין פון די געבורט מאנשאפט פארקלענערט די אלגעמיינע ראטע פון סי-סעקשענס מיט 50 פראצענט, און די לענג פון לעיבאר (די געבורט פראצעדור) מיט 25 פראצענט."

**סטעיט סענאטארשע קארדעל קלעיר האט געזאגט,** "איך בין באגייסטערט אז די גאווערנער שרייבט אונטער די דוּלע דירעקטארי ביל פאר וואס איך בין שטאלצערהייט געווען א קאָו-ספאנסאר און וואס איז אזוי עפעקטיוו אנגעפירט געווארן דורך סענאטארשע ברוּק. האבן צוטריט צו די באפולמעכטיגונג, שטיצע, פארשטאנד און ערפארונג פון א דוּלע איז אן קיין ספק נוטיג פאר די פיזישע, גייסטישע און עמאציאנאלע געזונטהייט פון מאמע און קינד, און עס מוז זיין א פונדאמענטאלע מענטשן רעכט."

**סטעיט סענאטארשע ליע וועב האט געזאגט,** "מיר ווייסן אז דוּלעס ערמעגליכן די זיכערהייט און גוטע געזונטהייט תוצאות פאר אלע מאמעס, באזונדערס פאר מאמעס פון שווארצע מינאריטעטן, סיי דרוכאויס די געבורט און סיי אין די קימפעט. די ביל וועט מאכן א דוּלע דירעקטארי וואס וועט פארבעסערן גלייכע צוטריט צו די העלט פראָווידערס און העלפן באקעמפן מוטערליכע געזונטהייט אומגלייכקייטן און פארזיכערן געזונטע תוצאות פאר מער בעיביס און מאמעס. אין בין שטאלץ, אלס פארזיצערין פון די סענאט'ס פרויען'ס אנגעלעגנהייטן קאמיטע, צו האבן געקעמפט פאר די ביל, און איך בין דאנקבאר פאר מיין קאלעגין, סענאטארשע ברוּק, פאר איר פירערשאפט אויף דעם נושא. איך באדאנק גאווערנער האקול פארן ארויסווייזן איר איבערגעגעבנקייט צו מוטערליכע געזונטהייט דורכן ארייננשרייבן די ביל אין געזעץ היינט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418